7. The potential for every Jew to reveal G-dliness within physicality relates to **the well-known interpretation**[20] **of** the verse,[21] **"When you acquire** a Hebrew servant...." The fact that the subject of the verse is a servant indicates that it is referring to souls on a low spiritual level, in kabbalistic terms, **souls from the worlds of *Beriah, Yetzirah, and Asiyah*.** To be able to be a conduit for G-dliness, these souls must be "acquired" by Moshe, a soul rooted in *Atzilus* and even loftier spiritual realms.[22] Because of their lack of genuine G-dly knowledge, most souls are referred to as **"animal seed."**[23] Nevertheless, ***daas,* consciousness of the Divine, can also be drawn down** to such souls **because:**

**a) In the root** and source of all souls, even those on a lower level, **this** consciousness **already exists;**

ז. דאָס איז לויט דעם באַוואוסטן פּירוש פון כי תקנה[יא], אַז דערפאַר קען זײַן המשכת הדעת אויך צו נשמות דבריאה־יצירה־עשיה, זרע בהמה, ווײַל: א) אין שורש איז דאָס פאַראַן און מען דאַרף דאָס מער ניט

19 . See *Likkutei Sichos,* Vol. 6, p. 24 (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Shmos,* p. 64), *et al.,* which discusses the unique capacity of the Jewish people to bring about the revelation of G-dliness in this physical world.

**20. See *Torah Or,* p. 74c ff.; the *maamar* entitled *VeEileh HaMishpatim,* 5711.**

21. *Shmos* 21:2.

22. All Jewish souls are rooted in G-d's Essence. Nevertheless, as they descend through the chainlike progression of spiritual worlds (*Seder HaHishtalshelus*), they take on characteristics of a particular realm or *sefirah.*

23. *Yirmeyahu* 31:26. See *Torah Or,* loc. cit., *et al.,* where the implications of the term are explained.

**it merely needs to be revealed.** For this reason, the verse referred to previously uses **the term *sikneh*** ("acquire"). **Acquisition involves merely** transferring the ownership of an entity from one person to another, not making something new.[24] Thus, it serves as a metaphor for **revealing something that was previously concealed, not bringing into being a new entity.**

**b)** Divine **consciousness** must be **drawn down** to such souls **specifically through Moshe.**[25] His spiritual **level** is alluded to in the verse,[26] **"From the water I drew him."** Water serves as a metaphor for a spiritual level entirely beyond the framework of G-dliness manifest in this world.[27] That was the source of Moshe's soul. **Although, as explained above, in their root, all souls possess** Divine **consciousness that merely needs to be revealed, that revelation must be brought out by one in whom this level shines openly.**[28]

This concept helps clarify how it is possible to make a Sanctuary for G-d, a place where His Essence is revealed, from material entities: The potential to **make material entities** – i.e., the Sanctuary and its implements – **conduits for G-d's Essence stems from** the fact that G-d's Essence is **the root** of their existence; **they are "for Me."** However, **the revelation** of this essential G-dliness **must be brought about by the Jewish souls because G-d's Essence is openly manifest within them.**

ווִי מְגַלֶּה זַיְין. ווָאס דָאס מֵיינְט תִּקְנֶה, ווָאס קִנְיָן (קוֹיפְן) אִיז דֶער עִנְיָן גִּילוּי הַהֶעְלֵם בִּלְבַד וְלֹא הִתְחַדְּשׁוּת (אַנְטְפְּלֶעקְן אַ זַאךְ ווָאס אִיז גֶעווֶען פְּרִיעֶר פַאֲרְהוֹילְן, אָבֶּער נִיט אוֹיפְטָאן אַ נַייֶע זַאךְ). ב) דִי הַמְשָׁכַת הַדַּעַת אִיז דוּרְךְ מֹשֶׁה'ן דַוְקָא, ווַיְיל מֹשֶׁה אִיז אִין דֶער מַדְרֵיגָה פוּן מִן הַמַּיִם מְשִׁיתִיהוּ. און כָאטשׁ אַלֶע נְשָׁמוֹת אִין זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ הָאבְּן דַעַת, ווָאס מֶען דַארְף עֶס מֶער נִיט ווִי מְגַלֶּה זַיְין, ווִי אוֹיבְּן דֶערְקְלֶערְט, אָבֶּער דֶער גִּילוּי מוּז זַיְין דוּרְךְ אַזַא ווָאס בַּיי אִים לַיְיכְט דִי מַדְרֵיגָה בְּגִילוּי.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן: בִּכְדֵי צוּ מַאכְן פוּן גַשְׁמִיּוּת כֵּלִים צוּ עַצְמוּת אִיז דָאס ווַיְיל בְּשָׁרְשָׁם זַיְינֶען זֵיי "לִי", דֶער גִּילוּי אִיז דוּרְךְ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל ווַיְיל אִין זֵיי אִיז עַצְמוּת בְּגִילוּי.

## The Fusion of the Spiritual and Physical

**8.** Based on these concepts, **we can understand why Moshe found** fashioning **the *Menorah* specifically difficult. The *Menorah* was made of gold and its purpose was to illuminate** – not only physical, but spiritual – **darkness in a manner that would serve as "testimony to [all] inhabitants of the world that the Divine Presence**

ח. לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְווָאס נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה בִּמְנוֹרָה דַוְקָא: דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעווֶען פוּן גָאלְד, און אִיר עִנְיָן אִיז גֶעווֶען לִיכְטִיק מַאכְן דֶעם חֹשֶׁךְ אִין אַן אוֹפֶן אַז עֶס זָאל זַיְין

24. *Torah Or,* p. 75d; *Toras Chayim, Shmos,* Vol. 2, p. 278c, *et al.* Moshe's "acquisition" involves taking them from a state where their G-dly nature is latent and dormant in bringing it to a state where it can become an active potential.

25. See *Tanya,* ch. 42.

26. *Shmos* 2:10.

27. See the *maamar* entitled *VeEileh HaMishpatim,* 5711.

28. See the *maamar* entitled *VeAtah Tetzaveh,* 5741, sec. 6.

**rests among the Jewish people.”**[29]

**It was this that Moshe found difficult** to comprehend: **How could** an implement whose function was to demonstrate the revelation of G-dliness **be made from gold, a physical substance?**

**G-d answered him** by telling him to cast the gold for the *Menorah* into the fire.[2] In other words, He was clarifying that **man cannot achieve** this fusion of the material and the spiritual **on his own.** Only **G-d can do that.**

**What is required of man? To take the gold and cast it into the fire. When man casts the gold into the fire, G-d then transforms it into a *Menorah* that will generate luminance in the Sanctuary.**

אַן עֵדוּת לְבָאֵי עוֹלָם שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל[ב] (אַן עֵדוּת פַאר דֶער גאַנְצֶער וועֶלְט אַז די שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִידְן). אִיז בַּיי מֹשֶׁה'ן גֶעוועֶן שְׁוֶוער: ווי קֶען מֶען עֶס מַאכְן פוּן גָאלְד, פוּן גַשְׁמִיוּת?

הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַ מֶענְטשׁ קֶען דָאס טָאקֶע נִיט מַאכְן. דָאס מַאכְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. נָאר וָואס עֶס פָאדֶערְט זִיךְ פוּן דֶעם מֶענְטשְׁן אִיז, עֶר זָאל נֶעמֶען די גָאלְד אוּן אַרַיינְוואַרְפְן אִין פַייְער, אוּן בְּשַׁעַת דֶער מֶענְטשׁ וואַרְפְט אַרַיין די גָאלְד אִין פַייְער, דֶעמָאלְט מַאכְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶערְפוּן אַ מְנוֹרָה וָואס זָאל לַייכְטְן אִין מִשְׁכָּן.

## We Can Do This in the Present Era

**9. As has been discussed several times, only the *Beis HaMikdash* built of wood, stone, and the like was destroyed. The *Beis HaMikdash* that exists within the heart of every Jew** – alluded to by the verse,[30] **“I will dwell within them” – remains intact forever, at all times and under all circumstances.**

**When a Jew transforms all his possessions into a Sanctuary for G-d, G-d tells him to** take **his gold – the choicest physical matter, i.e., the finest and most select** element **that exists in the physical realm** – and **make a *Menorah*** from it. With that command, **G-d is telling him, “I am not satisfied** merely **with your Torah study, your prayer, and all** your *mitzvos*. **I demand** some-

ט. מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדט עֶטְלֶעכֶע מָאל, אַז דָאס וָואס עֶס אִיז חָרוּב גֶעוואָרְן אִיז דָאס נָאר דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס עֶס אִיז גֶעוועֶן גֶעבּוֹיט פוּן הָאלְץ אוּן שְׁטֵיינֶער וכו'. דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז בַּיי יֶעדֶער אִידְן אִינֶעווייֵניק אִין הַאַרְצְן – דֶער וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם – דָאס בְּלַייבְּט אַלֶע מָאל גַאנְץ, אִין אַלֶע צַייטְן אוּן אוּנְטֶער אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

בְּשַׁעַת אַ אִיד מַאכְט פוּן אַלֶע זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, עֶר זָאל מַאכְן פוּן זַיין גָאלְד, פוּן דֶעם מוּבְחָר שֶׁבְּגַשְׁמִיוּת (פוּן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן אוֹיסְדֶערְוויילְטְסְטֶע וָואס אִיז פַאַראַן אִין גַשְׁמִיוּת) – אַ מְנוֹרָה. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים: אִיךְ בַּאנוּגְן זִיךְ נִיט מִיט דַיין לֶערְנֶען, מִיט דַיין דַאוונֶען, מִיט אַלֶע מִצְוֹת, אִיךְ

29. *Shabbos* 22b.

30. *Shmos* 25:8.

פַארלַאנְג פוּן דִיר אַז אוֹיךְ פוּן דִי גַשְׁמִיוּת וָואס דוּ הָאסְט, זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ בֵּית הַמִקְדָּשׁ פַאר מִיר.

אַלֵיין וֶועסְטוּ דָאס נִיט קֶענֶען – זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער – דָאס וֶועל אִיךְ טָאן. נָאר וָואס עֶס פָאדֶערְט זִיךְ פוּן דִיר, אִיז, זָאלְסְט אַרַיינְוַוארְפְן דִי גָאלְד אִין דֶעם פַייְעֶר וָואס בַּיי דִיר אִין הַארְצְן, וָואס בַּיי יֶעדֶער אִידְן אִינֶעוֵוייניק בְּרֶענְט אַ פְלַאם פַייְעֶר צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז בְּשַׁעַת דוּ וֶועסְט אַרַיינְוַוארְפְן דִי גָאלְד אִין דֶעם פַייְעֶר דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ מַאכְן דֶערְפוּן אַ בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אוּן נָאךְ מֶער, אַז דָאס וֶועט נָאךְ גֶעבְּן לִיכְטִיקַייט אִין וֶועלְט אוּן עֶס וֶועט זַיין אַן עֵדוּת אַז דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי דִיר.

(משיחת חנוכה, תשט"ז)

thing more **of you – that you also make a Sanctuary for Me from your physical possessions."**

**G-d emphasizes to him, "You cannot accomplish this alone. I will do this. What is required of you is** only **to cast the gold into the fire that burns in your heart – for within every Jew is a fire that flames for G-d. When you cast your gold into this fire, I will then transform it into a Sanctuary. Moreover, it will illuminate the world and serve as testimony that the Divine Presence rests within you."**

---

ו) זע שאלות ותשובות הרשב"א סימן תי"ח. עקידה ש"פ. ספר החקירה להצמח צדק עמוד 68. ד"ה וטהר לבנו, עזר"ת.

ז) מלכים א ח, כז.

ח) זע בכל זה ד"ה האומנם תרמ"ג.

ט) תניא פמ"ז. זהר ח"ב קמ, ב.

י) אגרת הקדש סימן כ.

יא) זע תורה אור עד, ג. ד"ה ואלה המשפטים תשי"א.

יב) שבת כב, ב.

# TETZAVEH-PURIM KATAN I | תצוה-פורים קטן א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Ki Sissa,* Shushan Purim Katan, 5717 (1957)

## Introduction

All of us are looking for happiness. However, it often seems to be the most elusive quality to acquire. Indeed, true joy cannot be acquired; it must well up from within; then, it is no longer elusive. King Shlomoh encapsulated that message in the verse, "One who is glad of heart is always celebrating."[1] With true happiness, it is our own gladness of heart and not an outside factor that motivates our celebration.

*Rama* cites that verse to explain the reason why Purim Katan,[1] a date that seemingly gives little cause for celebration, should be marked by at least a modicum of festivity. By analyzing *Rama's* words, the Rebbe clarifies that the law does not merely teach us how to mark this date, but how to discover true joy. Authentic joy does not stem from external circumstances, but from our inner mindset.

True joy does not come from having everything we want, but from developing the wisdom to know what to want – to focus on what is of true substance and value and what will serve as a basis for real and lasting joy.

---

1. *Mishlei* 15:15.

2. Purim Katan refers to the fourteenth of I Adar, which occurs only in a leap year, when an extra month of Adar is added. Then Purim is celebrated in the second Adar, and the fourteenth of I Adar is called Purim Katan.

# The Key to Celebrating at All Times

## Should We Celebrate on Purim Katan?

**1. In** his gloss on **the *Shulchan Aruch, Orach Chayim, Rama*[1] presents a difference of opinion regarding whether or not there is an obligation to increase feasting and joy on Purim Katan,** the minor Purim.[2] ***Rama* rules that one should moderately increase his meal,** adding a festive element **to satisfy** the opinion of **those who advocate maximizing one's observance. *Rama* then concludes, "One who is glad of heart is always celebrating."**[3]

**Another point requires clarification: Does *Rama's* ruling** to modestly increase one's meal **apply only to the fourteenth of I Adar, Purim Katan,**[4] **or does it apply also to** the next day,[5] **the fifteenth** of that month, **Shushan Purim Katan?**[6]

***Rama's* wording appears to support the second option. The word "always" in *Rama's* conclusion – "One who is glad of heart is always celebrating" – indicates that whenever there is any reason for a celebration, one should act accordingly.**

**Following this practice – making certain to rejoice whenever there is a premise for celebration – will enable a person to reach the** mindset described **in the verse, "One who is glad of heart is always celebrating."**

א. אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים[ג], בְּרֶענְגְט דֶער רְמָ"א צְוֵויי דֵיעוֹת, צִי מֶען דַארְף פּוּרִים קָטָן מַרְבֶּה זַיְין בְּמִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, אוּן דֶער רְמָ"א אִיז מַכְרִיעַ, מֶען זָאל מַרְבֶּה זַיְין קְצַת בִּסְעוּדָה, כְּדֵי לָצֵאת יְדֵי הַמַּחְמִירִים, אוּן אִיז מְסַיֵּים: וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד.

אִין דֶעם גוּפָא זַיְינֶען פַּארַאן צְווֵיי דֵיעוֹת: צִי דָאס גֵייט אוֹיף י"ד בַּאֲדָר רִאשׁוֹן, פּוּרִים קָטָן, דַוְקָא, צִי אוֹיךְ אוֹיף ט"ו, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן.

פוּן לָשׁוֹן הָרְמָ"א וַוייַזְט אוֹיס ווִי דִי צְווֵייטֶע דֵיעָה. ווָארוּם ווִיבַּאלְד דֶער רְמָ"א אִיז מְסַיֵּים, וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, אִיז דָאךְ פוּן דֶעם ווָארְט "תָּמִיד" מוּכָח, אַז וואוּ נָאר עֶס אִיז עֶפֶּעס דָא אַ סְבָרָא, אַז עֶס דַארְף זַיְין שִׂמְחָה, זָאל מֶען אַזוֹי טָאן.

אִיז בְּשַׁעַת מֶען ווֶעט זִיךְ פִירְן מִיט דֶער הַנְהָגָה, אַז ווֶען סְ'אִיז נָאר דָא עֶפֶּעס אַ דֵיעָה אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה, ווֶעט מֶען מַחְמִיר זַיְין, ווֶעט מֶען דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען צוּ דֶעם ווָאס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק – וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד.

---

1. ***Rama,* sec. 697:1.**

2. The term Purim Katan refers to the fourteenth of I Adar, which occurs in a leap year, when an extra month of Adar is added. Then Purim is celebrated in the second Adar. The fourteenth of I Adar, Purim Katan, is the subject of the difference of opinion mentioned in the main text: Should it be marked by celebration or not?

3. ***Mishlei* 15:15.**

4. See *Ateres Zekeinim* in the name of *Beis Yosef.*

5. *Levush,* 697:1.

6. The *sichah* was delivered on Shushan Purim Katan. In the walled cities of *Eretz Yisrael* and the city of Shushan, Purim is celebrated on the fifteenth of Adar, not on the fourteenth. That day is referred to as Shushan Purim. In a year when an extra month of Adar is added, the fifteenth of I Adar is commemorated as Shushan Purim Katan.

## What Leads a Person to Celebrate Always?

**2.** When citing **the verse,**[3] **"One who is glad of heart is always celebrating," the Talmud**[7] **comments, "This refers to one with an expanded consciousness."** ***Rashi*** gives a different interpretation. Commenting on the phrase in its source, **"One who is glad of heart,"** he **states, "[is one who] is happy with his portion."**

**We must say that these two interpretations are related: Having an expanded consciousness leads a person to be** always **happy,** continually being joyful for the portion G-d grants him.

**At first glance,** whether or not a person is happy **would appear to depend** entirely **on how** G-d **relates to the person from Above. If** He **relates to the person via the attribute of kindness and grants him all that he needs, the person will have no worries. However, if** G-d **relates to the person in a different manner,**[8] **he may** well **have worries.**

**By explaining that "one who is glad of heart is always celebrating"** refers to **"one with an expanded consciousness," the Talmud** opens us up to a new perspective: **A person with an expanded consciousness is joyful** under **all** circumstances.

ב. אוֹיפְן פָּסוּק[ד] וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, זָאגְט דִי גְמָרָא[טו]: זֶה שֶׁדַּעְתּוֹ רְחָבָה. רַשִׁ"י זָאגְט[טז] אוֹיפְן פָּסוּק: וְטוֹב לֵב, שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.

דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן אַז בֵּיידֶע פֵּירוּשִׁים הָאבְן אַ שַׁייְכוּת. דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַ דַּעַת רְחָבָה אִיז עֶר שָׂמֵחַ.

אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ דָאס גָאר פַאַרְבּוּנְדְן מִיט דֶעם אוֹפֶן הַהַנְהָגָה וִוי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אִים מִלְמַעְלָה. אַז אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אִים בְּמִדַּת הַחֶסֶד אוּן מֶען גִיט אִים אַלְץ וָואס עֶר דַארְף, דַאֲגֶה'ט עֶר נִיט, אוּן אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אִים מִיט אַן אַנְדֶער הַנְהָגָה אִיז שַׁיָּיךְ עֶר זָאל הָאבְן דַאֲגוֹת.

פוּן דֶעם אָבֶער וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, זֶה שֶׁדַּעְתּוֹ רְחָבָה, אִיז מוּכָח אַז בְּשַׁעַת עֶר הָאט אַ דַּעַת רְחָבָה, אִיז עֶר אִין אַלֶע אוֹפַנִּים פְרֵיילֶעךְ.

## A Different Way of Thinking

**3.** This new insight **can be understood by first** expounding on **the interpretation given by the Rebbe Maharash, in the name of the Alter Rebbe, on the phrase** from the *Selichos* prayers,[9] **"The needs of Your people are many, but their knowledge is limited":**

The Alter Rebbe explains that the phrase involves a question and an answer. **Why are "the needs of Your people many"? Because "their knowledge is**

ג. וֶועט מֶען עֶס פַאַרְשְׁטֵיין מִיט מַקְדִּים זַיְין דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם רֶבִּי'ן מַהֲרַ"שׁ בְּשֵׁם דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן, אוֹיפְן מַאֲמַר הַפִּיּוּט "מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ וְדַעְתָּם קְצָרָה": פַארְוָואס אִיז מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ – וַוייְל דַּעְתָּם

---

7. ***Bava Basra* 145b.**

8. Following his characteristic pattern, the Rebbe refrained from mentioning negative terms.

9. The prayers recited in preparation for and during the day preceding Rosh HaShanah and the *Neilah* prayers of Yom Kippur.

**limited.”**[10] **However, if they expanded their consciousness, they would not** feel that they **had many needs.**

**Based on this, we can also understand the Talmud’s teaching that when one has an expanded consciousness, he is “glad of heart” because he lacks nothing** – he operates with the recognition that **he has what he needs.**

קְצָרָה"[ז]. אָבֶער אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעווֶען אַ דַּעַת רְחָבָה, וָואלְט נִיט גֶעווֶען דֶער מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ.

לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַאַרְשְׁטֵיין אוֹיךְ דִי גְמָרָא, אַז בְּשַׁעַת דַּעְתּוֹ רְחָבָה, אִיז עֶר טוֹב לֵב, וָוארוּם אִים פֶעלְט גָארְנִיט, עֶר הָאט וָואס עֶר דַארְף.

## Wearing Your Father’s Clothes

**4. There are two aspects to** understanding **why “their knowledge [being] limited” leads to “the needs of Your people are many”:**

The first reason is that **generally, a person is granted all the things he needs from Above. However, when he chases after unnecessary matters, not only may he fail to receive these luxuries, but he may forfeit, G-d forbid, the flow** of blessing **from Above concerning even those matters that are essential for him.**

**To refer to the well-known analogy given by the *Tzemach Tzedek:*[11] Clothes must be fitted to a person’s measurements. If the garment is larger than his size, not only does it not help him walk, but on the contrary, the fabric gets tangled between his legs and interferes with his progress.**

**Similar concepts apply regarding spiritual matters.** As alluded to in the verse,[12] **“She shall shave her head and cut her nails,”**[13] a

ד. אִין דֶעם הֶסְבֵּר פַאַרְווָאס פוּן וְדַעְתָּם קְצָרָה נֶעמְט זִיךְ דֶער מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ, זַיְינֶען פַאַרַאן צְווֵיי עִנְיָנִים:

א) מִלְמַעְלָה אִיז מֶען עַל פִּי רוֹב מַשְׁפִּיעַ דֶעם מֶענְטְשְׁן אַלֶע עִנְיָנִים וָואס עֶר דַארְף, נָאר בְּשַׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ יָאגְט זִיךְ נָאךְ עִנְיָנֵי מוֹתָרוֹת, קֶען דֶעמָאלְט זַיְין אַז נִיט נָאר וָואס עֶר וֶועט נִיט בַּאקוּמֶען דִי מוֹתָרוֹת, נָאר עֶר זָאל פַאַרְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיךְ דִי הַשְׁפָּעָה מִלְמַעְלָה אִין דִי זַאכְן וָואס עֶר מוּז הָאבְּן.

ווִי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דֶער מָשָׁל פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הַצֶּמַח צֶדֶק נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, אַז קְלֵיידֶער דַארְפְן זַיְין צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶער מָאס פוּן מֶענְטְשְׁן. אוּן אוֹיבּ דִי קְלֵייד אִיז גְרֶעסֶער פוּן זַיְין מָאס, אִיז נִיט נָאר וָואס דָאס הֶעלְפְט נִיט צוּם גַאנְג, נָאר אַדְּרַבָּה, דִי קְלֵיידֶער פְּלָאנְטֶערְן זִיךְ נָאךְ צְווִישְׁן דִי פִּיס, אוּן שְׁטֶערְן אִין דֶעם גֵיין.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת – וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ"[ח]. בְּשַׁעַת

**10. The series of *maamarim* entitled *Mayim Rabbim, 5636,* sec. 1.**

11. See *Derech Mitzvosecha, mitzvas tiglachas metzora,* sec. 3. In that source, the *Tzemach Tzedek* explains that man must provide a conduit – a garment – for the flow of Divine blessing; he must work to earn his livelihood. However, his labor is merely a channel, an external medium through which the Divine blessings flow. Accordingly, when a person invests himself excessively in creating a conduit, laboring beyond the norm in the hope of gaining wealth, it is like wearing an oversized garment, one that will impede the person’s progress.

12. *Devarim* 21:10, translated according to *Sifri* and *Ramban*.

**13. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 37b,** where the Alter Rebbe interprets the verse, **“She shall shave her head,”** as referring to minimizing **excessive intellectual involvement in worldly matters** in the hope of gaining wealth and material satisfaction.

person should limit his involvement in material matters. By contrast, **when one seeks schemes** to acquire **material wealth and eagerly pursues extravagances** and indulgences, **not only does this not help, but it causes harm.**

מֶען זוּכְט תַּחְבּוּלוֹת אִין דִי עִנְיָנִים הַגַּשְׁמִיִּים אוּן מֶען אִיז לָהוּט נָאךְ מוֹתְרוֹת, אִיז נִיט נָאר וָואס דָאס הֶעלְפְט נִיט, נָאר דָאס פִּירְט נָאךְ אִיבֶּער.

## Looking in the Mirror Honestly

**5. What causes a person** to pursue indulgence and extravagance? **"Their knowledge is limited."** In other words, **he does not** thoroughly and honestly **assess who he is and** the true nature of **his spiritual state. Consequently, he thinks everything is coming to him, that he needs it all. For this reason, he chases after** excessive material gain.

**However, when a person has an expanded consciousness,** he is not limited by his own subjectivity and is able to look at things objectively, without his personal feelings distorting his understanding. **He will then honestly assess who he is. Consequently, he will feel that whatever he is granted from Above is only** given him **due to Divine kindness. Therefore, he will not complain, nor pursue more. He will realize** that G-d does not owe him anything and **what he has is only** given him **due to** G-d's **attribute of kindness.**

ה. פוּן וָואס הוֹיבְּט זִיךְ דָאס אָן – פוּן דֶעם וְדַעְתָּם קְצָרָה. עֶר שַׁאצְט נִיט אָפּ זַיְין מַהוּת, זַיְין רוּחְנִיּוּת'דִיקְן מַעֲמָד וּמַצָּב, בְּמֵילָא מֵיינְט עֶר אַז אַלְץ קוּמְט אִים, אַלְץ דַארְף עֶר אוּן דֶערְפַאר יָאגְט עֶר זִיךְ נָאךְ מוֹתְרוֹת.

אָבֶּער בְּשַׁעַת אַז דַעְתּוֹ רְחָבָה, שַׁאצְט עֶר אָפּ רִיכְטִיק זַיְין מַהוּת, וּבְמֵילָא פִילְט עֶר אַז דָאס וָואס מֶען גִיט אִים יָא מִלְמַעְלָה אִיז דָאס נָאר מִצַּד חַסְדּוֹ יִתְבָּרֵךְ, בְּמֵילָא קְלָאגְט עֶר זִיךְ נִיט אוּן יָאגְט זִיךְ נִיט נָאךְ מֶער, וָוארוּם עֶר וֵוייס אַז אוֹיךְ דָאס וָואס עֶר הָאט אִיז נָאר מִצַּד מִדַּת הַחֶסֶד.

## Setting One's Priorities Right

**6.** The second reason why "their knowledge is limited" leads to "the needs of Your people are many" can be explained as follows:

The objectivity of **an expanded consciousness** enables **a person** to look at **material matters** in a different light; **they no** longer **have any significance to him.** He realizes that all **material entities are** inherently **constrained and limited. From the perspective of an expanded consciousness, they are not of import to him.**

What does he consider important? Something

ו. ב) בְּשַׁעַת עֶר הָאט אַ דֵעַת רְחָבָה, בַּאטְרֶעפְט נִיט בַּיי אִים דֶער עִנְיָן פוּן גַשְׁמִיּוּת, וָוארוּם גַשְׁמִיּוּת אִיז דָאךְ בְּמֵיצַר וּבְהַגְבָּלָה, (גַשְׁמִיּוּת אִיז פַארְקְלֶעמְט אוּן בַּאגְרֶענֶעצְט) אִיז אִין אַ דֵעַת רְחָבָה, הָאט דָאס נִיט קֵיין תְּפִיסַת מָקוֹם (קֵיין בַּאטְרֶעף). דֶער

genuinely significant. For that reason, **he eagerly pursues the Torah and its *mitzvos*. They are not bound by the limitations of this world or even the limitations of the higher worlds. They constitute true infinity and what is genuinely unbounded. For** a person with **an expanded consciousness, this** – and this alone – **has significance.**

**Because of** his **state of mind, such a person does not think about material matters, for they hold no importance to one whose thinking processes are truly expansive. He thinks only about spiritual matters,** the things that are genuinely real. **Material entities concern him only to the extent that they relate to the Torah and its *mitzvos*.**

As ***Rambam*** states,[14] **"The Sages did not yearn for the era of *Mashiach*** so that they would have dominion over the entire world…." **They did not look forward to the great wealth and material pleasures that will exist in that era;** material luxuries **did not mean anything** to them. **Proof for this** can be **brought from the verse** describing that future time,[15] **"On that day, a man will raise a calf and two sheep,"** indicating **that people will be satisfied with little. Rather,** the Sages **yearned for the era of *Mashiach*** so they could achieve complete **fulfillment of the Torah and its *mitzvos* and** rejoice in the expanded potential for **the comprehension of G-dliness that will be** granted **then.**

**There was** once **a chassid who had** the requisite knowledge and spiritual awareness **to become a** practicing **rabbi but did not desire** to take on such a position. Instead, **he became a businessman.** Having chosen this path, a sequence of events led him to **become excessively involved in his commercial** ventures. Aware of the change in his follower, my revered father-in-law, **the Rebbe** Rayatz,[16] **wrote this chassid a letter,** referring to the verse,[17] **"Man does**

עִנְיָן נָאך וועלכְן עֶר יָאגְט זִיך יָא אִיז תּוֹרָה וּמִצְוֹת. תּוֹרָה וּמִצְוֹת זַיְינֶען נִיט מוּגְבָּל אִין דֶער הַגְבָּלָה פוּן עוֹלָם הַזֶה אוּן אֲפִילוּ נִיט אִין דֶער הַגְבָּלָה פוּן עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, דָאס אִיז דֶער אֱמֶת׳עֶר בְּלִי גְבוּל וּמֶרְחָב הָאֲמִיתִּי, אוּן מִצַד דַעַת רְחָבָה, אִיז דָאס דִי אֵיינְצִיקֶע זַאך וואָס הָאט אַ תְּפִיסַת מָקוֹם.

מִצַד דַעַת רְחָבָה טְרַאכְט עֶר נִיט וועגְן גַשְׁמִיוּת, וואָרוּם דָאס זַיְינֶען עִנְיָנִים וואָס פַארְנֶעמֶען נִיט קֵיין אָרְט בַּיי דֶעם וואָס פַארְמָאגְט אַ דַעַת רְחָבָה. עֶר טְרַאכְט נָאר וועגְן רוּחְנִיוּת, אוּן דִי גַשְׁמִיוּת אִיז אִים נוֹגֵעַ נָאר אוֹיף וִויפְל דָאס הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת כו׳.

אוּן וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט[יט], לֹא נִתְאַוּוּ הַחֲכָמִים לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ – דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִיט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט צוּ דִי טֶעג פוּן מָשִׁיחַ׳ן צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר אוּן גַשְׁמִיוּת׳דִיקְן פַארְגֶענִיגְן וואָס וועט דֶעמָאלְט זַיְין, דָאס הָאט גָאר קֵיין בַּאטְרֶעף נִיט, אוּן בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָה פוּן דֶעם וואָס עֶס שְׁטֵייט בַּיּוֹם הַהוּא יְחַיֶה אִישׁ עֶגְלַת בָּקָר וּשְׁתֵּי צֹאן, אַז מֶען וועט זִיך בַּאנוּגֶענֶען מִיט ווֵינִיק, נָאר דָאס וואָס נִתְאַוּוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ אִיז צוּלִיבּ דֶעם קִיוּם הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּן הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת וואָס וועט דֶעמָאלְט זַיְין.

– עֶס אִיז גֶעוועֶן אַ חֲסִידִי׳שֶׁער אִיד וואָס הָאט גֶעקָאנְט, אָבֶּער נִיט גֶעוואָלְט זַיְין קֵיין רָב, אוּן אִיז גֶעוואָרְן אַ סוֹחֵר. זַיְיעֶנְדִיק אַ סוֹחֵר הָאט עֶר זִיך צוּפִיל אַרַיְינְגֶעלֵייגְט אִין מִסְחָר. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן

14. ***Hilchos Melachim* 12:4.**

15. *Yeshayahu* 7:21. See *Sanhedrin* 94b; *Bereishis Rabbah,* sec. 48:10.

16. See the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 14, p. 445, which mentions similar concepts.

17. *Devarim* 8:3.

**not live by bread alone, but by every emanation from G-d's mouth does man live,"** and clarifying that **the body's hunger for physical bread stems from the soul's hunger for the spark of G-dliness within the food. This affects the body, causing it to crave physical bread.**[18] **Thus, the essential matter is the Divine element within [the food], not its physicality.**

אִין אַ בְּרִיוו: כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי הֲוָיָ׳ יִחְיֶה הָאָדָם, דָאס וָואס דֶער גוּף אִיז הוּנְגֶערִיק צוּם לֶחֶם הַגַּשְׁמִי, נֶעמְט זִיךְ דָאס פוּן דֶעם וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז הוּנְגֶערִיק צוּם נִיצוֹץ אֱלֹקִי שֶׁבְּהַמַּאֲכָל, אוּן דָאס פּוֹעֵל׳ט אוֹיפְן גוּף עֶר זָאל זַיְין הוּנְגֶערִיק צוּם לֶחֶם הַגַּשְׁמִי. נִמְצָא אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער עִנְיָן אֱלֹקִי וָואס אִיז דָא אִין דֶעם אוּן נִיט דֶער גַשְׁמִי –

**This is** what is meant by the phrase, **"The needs of Your people are many, but their knowledge is limited." Due to a person's "limited knowledge," material matters hold sway over him and, consequently, "the needs of Your people are many." However, when one has an expanded consciousness, material matters have no significance for him due to the breadth of his perspective. As a result, he** is never pressured by physical circumstances and maintains **a mindset** that fits the description, **"One who is glad of heart is always celebrating."**

אוּן דָאס אִיז מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ וְדַעְתָּם קְצָרָה, אַז מִצַּד קוֹצֶר הַדַּעַת, פַּארְנֶעמְט בַּיי אִים גַשְׁמִיּוּת אַן אָרְט, וּמִצַּד דֶעם אִיז מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ, אָבֶּער וֶוען דַעְתּוֹ רְחָבָה, אִיז מִצַּד הַרְחָבַת הַדַּעַת פַּארְנֶעמְט גַשְׁמִיּוּת קֵיין אָרְט נִיט, וּבְמֵילָא אִיז עֶר אִין אַ מַצָּב פוּן וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד.

## Requesting Divine Generosity

7. Despite the shortcomings of limited knowledge, in **our prayers, we** use the words, **"The needs of Your people are many, but their knowledge is limited,"** asking **that G-d fulfill all the many needs of His people, even though these** needs **stem from our constrained perspective.**

ז. מִיר בֶּעטְן דָאךְ אָבֶּער אוֹיף מְרֻבִּים צָרְכֵי עַמְּךָ וְדַעְתָּם קְצָרָה, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מְמַלֵּא זַיְין אַלֶע צָרְכֵי עַמְּךָ הַמְרֻבִּים, כָאטשׁ דָאס נֶעמְט זִיךְ מִצַּד דֶעם וָואס דַעְתָּם קְצָרָה.

The reason we pray in that manner can be **explained** based on the verse,[19] **"A *tzadik* ('righteous man') falls seven times and rises,"** teaching that **even a *tzaddik* does not always maintain the same high level** of Divine service. **Surely, then, one who is on a lower level than a *tzadik* can sometimes stumble and descend. He** may **lose his expanded consciousness and** begin looking at things from **a limited**

אִיז דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם: שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם, אַז אֲפִילוּ אַ צַדִּיק אִיז נִיט אַלֶע מָאל גְלַייךְ, מִכָּל שֶׁכֵּן דֶער וָואס אִיז נִידֶערִיקֶער פוּן דֶער מַדְרֵיגָה פוּן צַדִּיק קֶען דָאךְ בַּיי אִים זַיְין אַמָאל עֶר זָאל אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיְין מַדְרֵיגָה, עֶר זָאל אָנְוֶוערְן דִי דַעַת הָרְחָבָה אוּן בַּאקוּמֶען אַ דַעַת

18. See the Baal Shem Tov's interpretation [*Kesser Shem Tov,* sec. 194 (p. 110 in the latest edition)] of the verse (*Tehillim* 107:5), " Both hungry and thirsty, their souls languished within."

19. *Mishlei* 24:16.

קְצָרָה, א) אַז גַשְׁמִיּוּת וועט בַּיי אִים פַאַרְנֶעמֶען אַן אָרְט, ב) און עֶר וועט נִיט אָפְּשַׁאצְן זַיְין מַהוּת.

אִיז דָאס דִי בַּקָשָׁה, אַז אוֹיךְ בְּשַׁעַת עֶר וועט הָאבְּן אַ דַעַת קְצָרָה זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

און דִי הַמְשָׁכָה אִיז דוּרְךְ דַעַת רְחָבָה, אַז בְּשַׁעַת עֶר שְׁטֵייט בִּכְלָלוּת אִין אַ דַעַת רְחָבָה, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִים מְמַלֵא אַלְץ וָואס עֶר דַארְף, בִּיז אַז אוֹיךְ וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ פון זַיְין מַדְרֵיגָה זָאל עֶר הָאבְּן אַלֶע עִנְיָנִים וָואס עֶר דַארְף.

לוֹיט דֶעם וועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם מַאֲמַר הַגְמָרָא, וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד זֶה שֶׁדַעְתּוֹ רְחָבָה, אַז דֶער וָואס בִּכְלָלוּת אִיז דַעְתּוֹ רְחָבָה, פּוֹעֵל'ט עֶר אַלֶע הַמְשָׁכוֹת מִלְמַעְלָה, אַז מֶען אִיז אִים מְמַלֵא כָּל צְרָכָיו, וּבְמֵילָא אִיז וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, אַז תָּמִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ פון זַיְין מַדְרֵיגָה און הָאט קוֹצֶר הַדַעַת, אִיז עֶר אוֹיךְ וְטוֹב לֵב, וָוארוּם עֶר הָאט כָּל צְרָכָיו.

(משיחת שבת פרשת תשא
שושן פורים קטן, תשי״ז)

**perspective.** As a result: **a) material matters will become significant for him, and b) he will not accurately assess who he is.**

**This** is what we **ask** G-d – **that even when** we **have limited knowledge,** we **should lack nothing.** **This** Divine blessing **is elicited by** maintaining **an expanded consciousness** to whatever degree possible. **When, by and large, a person maintains such a mindset, he is granted everything he needs; even in those times when he falls from his level, he will have whatever is necessary for him.**

**On this basis, we can understand the Talmud's statement, "'One who is glad of heart is always celebrating,' refers to one with an expanded consciousness."** When **one generally maintains such a mindset, he elicits** Divine blessing in **all** things and **he is granted everything he needs. Consequently, "One who is glad of heart is always celebrating."** "Always" means **that even when he falls from his level and has limited knowledge, he remains "glad of heart" because,** as a result of Divine kindness, **he is granted all that he needs.**

---

יג) סימן תרצ״ז.
יד) משלי טו, טו.
טו) בבא בתרא קמה, ב.
טז) משלי שם.
יז) מים רבים תרל״ו פ״א.
יח) זע לקוטי תורה דברים לז, ב, וגלחה את ראשה: הוא ענין ההתחכמות היתירה במילי דעלמא.
יט) הלכות מלכים פי״ב, ה״ד.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Yosef Greenbaum
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie